בעזרת השם יתברך

# פרק צה-צו

## • כי תצא •

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

אַ טעם פאַר אָנהויבן בויען די סוכה מוצאי יום כיפור. - דער וואָס איז מקיים געהעריג מצות סוכה, איז מבטל דעם כח פון די קליפות. - דער טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער וועט פרובן די אומות העולם לעתיד לבוא דורך מצוות סוכה. - די צוויי שמות הקדושים וואָס זענען מרומז אין סוכ"ה. - מוסר פאַר די מענטשן וואָס גייען אַרויס פון דער סוכה באַלד נאָך די ברכה פון "לישב בסוכה".

דער ענין פון נס חנוכה. - א מעשה פון מהרש"ל וועגן די קדושה פון מצוה-ליכט. - די כוונה אין די ברכות וואָס מ'מאַכט ביי די חנוכה ליכט. - די קדושה פון די שמשים ביי די חנוכה-ליכט, וואס זענען ענליך צו דעם כהן גדול וואס האט אָנגעצונדן די מנורה אין בית המקדש.

# אוצר של בטחון — מצות הבטחון

**העצה היחידה איך להציל את עם ישראל מהפחד הגדול במצב הנורא שלנו מהמלחמות של כל העולם כולו נגד עם ישראל - הגאולה תלוי-ה בנשים צדקניות כמ"ש** (סוטה יא:), **בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים. וכמו שהיתה גאולה ראשונה גם כן תהיה גאולה אחרונה** (קב הישר פי פ"ב) **וכמ"ש אשה יראת ה' היא תתהלל** (משלי לא, ל).

**בזכות הבטחון נגאלו ישראל ממצרים,** שכן כתיב (תהלים כב, ה) "בך בטחו אבותינו, בטחו ותפלטמו, אליך זעקו ונמלטו, בך בטחו ולא בושו", ואמרו במדרש "אליך זעקו" כמה דאמר (ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו", "ולא בושו" כמה דאמר (בשלח יד, ל) "ויושע ה' ביום ההוא את ישראל מיד מצרים, וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים", וכל כך למה "בך בטחו ולא בושו", **הכל בזכות הבטחון.** (כד הקמח אות בטחון).

**העצה הוא: ללמוד ולומר ולהכניס בלבו כל יום פסוקי ועניני בטחון בה' שהוא מצוה תמידית בכל רגע, כמ"ש "בטחו בו בכל עת" ועל ידי שנכנס בלבנו בטחון ואמונה בה', ע"ז הקב"ה יתנהג אתנו ג"כ במדה כנגד מידה שלא נצטרך לפחד משום אחד בעולם רק מפני הקב"ה ית"ש.** שאמר שלמה המלך החכם (משלי טז ז), "ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו" (עיין חובת הלבבות, שבט מוסר, קב הישר). ובזכות זה נזכה בקרוב ממש ל"שיבנה בית המקדש במהרה בימינו אמן.

1) אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה (תהלים פד, ה).
2) חזקו ויאמץ לבבכם כל המיחלים לה' (שם לא).
3) אשרי העם שככה לו אשרי העם שה' אלוקיו (שם קמד, טו).
4) ה' צבקות עמנו משגב לנו אלקי יעקב סלה (שם מו, ז).
5) ה' צבקות אשרי אדם בוטח בך (שם פד, יג).
6) ה' הושיעה המלך יעננו ביום קראנו (שם כ, י).
7) אתה סתר לי מצר תצרינו, רני פלט תסובבנו סלה (שם לב, ז).
8) דום לה' והתחולל לו, אל תתחר במצליח דרכו באיש עושה מזימות (שם,ג, ד).
9) ה' אלקי בך חסיתי הושיענו מכל רודפי והצילנו (שם ז, ב).
10) ואני בחסדך בטחתי יגל לבי בישועתך, אשירה לה' כי גמל עלי (שם יג, ו).

11) **הבוטח בשם יתברך יודע כי הסיבות כלם אצל השם יתברך שוות, יתן לו כמה שירצה ובעת שירצה מאיזה ענין שירצה** (חו"ה שער הבטחון פ"ג).

11) **לבטוח בה' בכל לבבך ולהאמין בהשגחתו הפרטית,** ובזה תקיים בלבבך היחוד השלם בהאמין בו כי עיניו משוטטות בכל הארץ, ועיניו על כל דרכי איש, ובוחן לב וחוקר כליות — **וזה יסוד כל התורה כולה** (אורח"ח להרא"ש).

12) כל התולה בטחונו בקדוש ברוך הוא, הרי לו מחסה בעולם הזה ולעולם הבא. (מנחות כט, א').

13) התחבר עם האמונה והדבק בה, שהיא כוללת כל תרי"ג מצות, כמו שאמרו (מכות כג) בא חבקוק והעמידן על אחת, שנאמר (חבקוק ב, ד') "וצדיק באמונתו יחיה" (רמב"ן האמ' והב').

# אינהאלט

## פון פרקים צ״ה - צ״ו

א. אין פרק צ״ה ווערט דערקלערט: טעמים און ערקלערונגען אויף מצות סוכה ..... ה
ב. יו״כ האָט דער שטן און לילי״ת קיין שום שליטה נישט ..... ה
ג. מצות סוכה איז אין די אויגן פון גאָט ב״ה זייער אַ גרויסע מצוה ..... ה
ד. נזהר זיין אין קדושת הסוכה ..... ו
ה. אין פרק צ״ו ווערט דערקלערט דער ענין פון נס חנוכה אַכט טעג, און אַז די קריגל וואָס מ׳האָט געפונען, איז געווען פון ״שמן המשחה״ ..... ז
ו. יעדער ליכטל וואָס ברענט צוליב אַ דבר מצוה, איז אין דעם דאָ אַ וואונדערליכע קדושה ..... ח
ז. דורך דעם ליכט האָב איך געזען אַ מראה גלייך ווי מען האָט מיר געוויזן פון הימל און געגעבן כח רשות און געעפנט די שער אורה ..... ח
ח. אין יעדן ליכט פון מצוה ווערט נמשך אין אים אַ העכערע קדושה און עס דערוועקט אויף דעם הימל אָנצוצינדן די הייליגע ליכט ..... ח
ט. דורך יעדער מצוה וואָס דער מענטש טוט ווערן געבוירן און באַשאַפן דורך איר הייליגע מלאכים ..... ט

❖ ❖ ❖

# פרק צ״ה

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: טעמים און ערקלערונגען אויף מצות סוכה

**א. ויעקב,** דער מנהג פון ישראל איז תורה, דאָס איז וואָס מיר זענען זיך נוהג אַז וויבאַלד מיר קומען אַהיים מוצאי יו״כ זענען מיר תיקף עוסק אין מצות סוכה. דער טעם דערפון איז:

## יו״כ האָט דער שטן און לילי״ת קיין שום שליטה נישט

**ב. כי הוא,** עס איז באַוואוסט אַז דער שטן און די לילי״ת זענען שטענדיג מקטרג אויף אידן און ווילן אונז תמיד טאָן שלעכטס. און די לילי״ת טרעפט אָן ת״פ ווייל זי האָט פיר הונדערט און אַכציג מחנות וואָס זענען מקטרג אויף אידן. און דאָס ווייסט יעדער אַז יו״כ האָט דער שטן און לילי״ת קיין שום שליטה נישט אויף אידן ווי אונזערע חכמים ז״ל האָבן געזאָגט: דאָס וואָרט השטן טרעפט אָן דריי הונדערט אין פיר און זעכציג און אינעם יאָר איז פאַרהאַן דריי הונדערט אין פינף און זעכציג טעג. דאָס איז מרומז אַז איין טאָג אין יאָר האָט ער קיין שום שליטה נישט צו מקטרג זיין אויף אידן און דאָס איז אום יו״כ. כנגד דעם האָט אונז דער באַשעפער געגעבן די מצוה פון סוכה, ווייל סוכה באַטרעפט ת״פ, און דער וואָס איז מקיים די מצות סוכה ווי עס געהער צו זיין דער איז מבטל דעם כח און געוועלטיקייט פונעם לילי״ת הרשעה.

## אין די אויגן פון גאָט ב״ה איז מצות סוכה זייער אַגרויסע מצוה

**ג. על כן,** דעריבער זאָל די מצוה פון סוכה נישט זיין גרינג אין דיינע אויגן, ווייל דער סוכה באַטרעפט צוויי שמות הוי״ה אדני און דורך דעם וואָס די אידן זענען איר מקיים אַזוי ווי עס געהער צו זיין

געבן זיי דערמיט כח און גבורה פאַרן פמליא של מעלה, ווייל סוכה באַטרעפט וויפיל מלאך באַטרעפט חאָטש דער מצוה איז נישט גרויס ביי מענטשן, אָבער אין די אויגן פון גאָט ב"ה איז דאָס זייער אַגרויסע מצוה ווייל סוכה באַטרעפט אויך ת"פ און דאָס איז מכניע דער קליפה פון לילי"ת וואָס זי באַטרעפט אויך ת"פ.

## נזהר זיין אין קדושת הסוכה

**ד. לכן,** דעריבער מוזן מיר זייער נזהר זיין אין דער קדושת סוכה און בפרט איר נישט צו מאַכן אויף נישט קיין ריינעם אָרט. ווייל דעמאָלטס איז דער סוכה אינעם מרכבה פון גאָט ב"ה מיט זיין שכינה. נישט אַזוי ווי אַ טייל זענען זיך מקיל אין דער סוכה און זיי מאַכן די ברכה המוציא און לישב בסוכה גיך און גייען שנעל אַרויס פון סוכה און מאַכן אַ ברכה לבטלה, ווייל דער ברכה פון לישב בסוכה איז זיך צו זוימן אין סוכה, דעריבער בין איך מזהיר פאַר יעדן נישט צו געשטרויכלט צו ווערן אין דעם זינד און ווען ער קומט אַריין אין סוכה זאָל ער דאָרט זיצן ביז מען ענדיגט עסן, כדי די ברכה זאָל נישט זיין לבטלה און זאָל נישט זיין אינעם כלל פון די וואָס טרעטן אין דער מצוה. דעמאָלטס וועלן מיר זוכה זיין צו זיצן אינעם סוכה פונעם לויתן אמן.

❖ ❖ ❖

# פרק צ״ו

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט:
## דער ענין פון נס חנוכה אַכט טעג, און אַז די קריגל וואָס מ׳האָט געפונען, איז געווען פון ״שמן המשחה״

**א. להודות,** צו לויבן דעם הייליגן באַשעפער אויפן גרויסן נס וואָס ער האָט געטאָן צו אונזערע עלטערן די חשמונאים אין די טעג פון חנוכה אין דער צייט פון אנטיוכוס, גריכישער קעניג, וואָס ער האָט געטאָן פיל שלעכטס צו אידן. און השם יתברך מיט זיין רחמנות און פיל חסדים, קליידט זיך אָן שטענדיג מיט די הילף קליידער צו העלפן דאָס אידישע פאָלק, זענען דורך חשמונאים און זיינע זין געהרגעט געוואָרן צוויי גרויסע גענערעלער פון דער גריכישער מיליטער וואָס איינער האָט געהייסן בגריס און דער אַנדערער האָט געהייסן ניקנור, און די גאַנצע אַרמיי איז איבער געגעבן געוואָרן אין די הענט פון ישראל.

**ב. ואחר,** דערנאָך זענען די חשמונאים געקומען אין בית המקדש אַריין, און האָבן נישט געפונען נאָר איין קריגל אויל וואָס עס איז געווען פאַרזיגלט מיט דעם זיגל פונעם כהן גדול, און אין דעם קריגל איז געווען אויל גענוג אויף צו ברענען איין טאָג, אָבער די כהנים זענען דאָך געווען טמאי מתים און זיך געדאַרפט רייניגן זיבן טעג, האָט השם יתברך געטאָן אַ נס אַז דאָס ביסל אויל האָט געברענגט אַכט טעג, און אין דעם אַכטן טאָג זענען שוין די כהנים געווען ריין און האָבן געמאַכט פרישע אויל. דעריבער, ווי אַ זכר פון דאָזיגן נס, האָבן די חכמים פון יענעם דור איינגעפירט מען זאָל אָנצינדן ליכט אַכט טעג חנוכה.

## יעדער ליכטל וואָס ברענט צוליב אַ דבר מצוה, איז אין דעם דאָ אַ וואונדערליכע קדושה

**ג. וכל,** און יעדער ליכטל וואָס ברענט צוליב אַ דבר מצוה, איז אין דעם דאָ אַ וואונדערליכע קדושה, וואָס האָט קיין שיעור נישט, און ווען מיר וואָלטן זוכה געווען צו רוח הקודש'דיגע השגות, וואָלטן מיר דורך דעם ברכה און צינדן די מצוה-ליכט פאַרשטאַנען און משיג געווען עתידות, ווייל די מצוה ליכט זאָגן נביאות פונקט ווי אַ נביא וואָס זאָגט נביאות פון השם יתברך.

## דורך דעם ליכט האָב איך געזען אַ מראה גלייך ווי מען האָט מיר געוויזן פון הימל און געגעבן כח רשות און געעפנט די שער אורה

**דער** גאון מהרש״ל ז״ל שרייבט אין דער הקדמה פון זיין ספר ״ים של שלמה״: איינמאָל בין איך געזעסן און האָב געשריבן דעם ספר ״ים של שלמה״ האָב איך דורך דעם ליכט געזען אַ מראה גלייך ווי מען האָט מיר געוויזן פון הימל און געגעבן כח רשות און געעפנט די שער אורה.

## אין יעדן ליכט פון מצוה ווערט נמשך אין אים אַ העכערע קדושה און עס דערוועקט אויף דעם הימל אָנצוצינדן די הייליגע ליכט

**ד. ושמעתי,** און איך האָב געהערט פון מיין רבי'ן אַז אַזוי איז געווען דער ענין, דער רב רבי שלמה לוריא ז״ל ווען ער האָט מחבר געווען דעם ספר ״ים של שלמה״, האָט פאַר אים געברענט אַ קליינע ליכט און עס האָט שוין געדאַרפט פאַרלאָשן ווערן, פונדעסטוועגן האָט עס געברענט פיל שעה מער פון דריי פיר גאַנצע ליכט, און עס האָט געטראָפן דעם רש״ל אַ נס ממש ווי דאָס ליכט וואָס האָט געברענט אין בית המקדש, זיין זכות זאָל אונז ביישטיין. דער כלל

איז אַז אין יעדן ליכט פון מצוה ווערט נמשך אין אים אַ העכערע קדושה און עס דערוועקט אויף דעם הימל אָנצוצינדן די הייליגע ליכט.

## דורך יעדער מצוה וואָס דער מענטש טוט ווערן געבוירן און באַשאַפן דורך איר הייליגע מלאכים

**ה. ועל כן,** און דעריבער שרייבט דער מהרי"ל אַז איידער מען בענטשט חנוכה ליכט זאָל מען וואַשן די הענט, און דאָס איז זיכער אַז דורך יעדער מצוה וואָס דער מענטש טוט ווערן געבוירן און באַשאַפן דורך איר הייליגע מלאכים, און די מלאכים ווערן אָנגערופן "מחנה של מצוה", און דאָס איז פשוט אַז אין יעדער מצוה וואָס מען מאַכט אויף איר אַ ברכה זאַמלען זיך איין צו איר די מלאכים און שטייען אַרום דעם וואָס מאַכט די ברכה, און זיי הערן די ברכה און ענטפערן אמן. און אַ רמז דערצו איז, אַז מלאך איז בגמטריא אמן, דערפאַר ווען אידן ענטפערן אמן אויף אַ ברכה אָדער קדיש זאָלן זיי מכוין זיין צו די דאָזיגע מלאכים. דערפאַר איז פאַראַן אַ גרויסע קדושה אין די חנוכה ליכטלעך און אויך אין די שמשים וואָס זיי זיינען אַביסל גרעסער פון די חנוכה ליכטלעך.

**ו. שהנר,** דער שמש-ליכט איז גלייך צו דעם כהן וואָס ער האָט אָנגעצונדן די ליכט אין בית-המקדש, און פון דאָ קענסטו זען דעם גרויסן פגם וואָס איך האָב געזען בעונותינו הרבים, אַז פיל מענטשן נעמען דעם שמש פון די חנוכה ליכטלעך און טוען זייערע עסקים דערביי, און מכל שכן די וואָס שפּילן קאָרטן ביי די ליכט פונעם שמש, די וועלן אַוודאי האָבן אַ גרויסן עונש, ווייל זיי ווייסן נישט אַז די שמשים זיינען הייליגער פון די חנוכה ליכטלעך, ווי דער רב הגאון מהרי"ל ז"ל שרייבט אַ רמז אַז עס שטייט אין פסוק (ישעיה ו,ב): "שרפים עומדים ממעל לו", עס מיינט אַז די שמשים וואָס שטייען העכער פון די זעקס און דרייסיג חנוכה ליכטלעך, אַזוי ווי דער מנהג איז.

**ז. על כן,** דעריבער, דער וואָס איז מזלזל אין דער מצוה וועט זיין שטראָף זיכער זיין זייער שווער, און דער וואָס איז מדקדק אין דער דאָזיגער מצוה און לאָזט נישט רירן דעם שמש פון אָרט, דער וועט זוכה זיין צו זען די ליכט וואָס וועלן ברענען אין אונזער בית-המקדש במהרה בימינו אמן.

❖ ❖ ❖

## השמטות לפרק צו

עניני הדלקת הנרות, ענינו גדול, שע"י הנרות זוכים להקביל נרו של מלך המשיח, כמבואר במדרש רבתי פרשת אמור, אמר רבי אלעזר בן שמוע, בזכות "יערוך את הנרות", תנצלו מן "ערוך מאתמול תפתה" (ישעיהו ל'). [בספר "וימהר אברהם" מביא, מי שהוא בצרה ר"ל, סגולה לזה, שידליק שמן לעילוי נשמת רמבעה"נ, וינצל ממנה. כי **שמ"ן** ר"ת **ש**ומר **מ**צרות **נ**פשו]. וכמבואר בספר תורת העולה לרבינו משה איסרליש הרמ"א ז"ל, אמר רבי חנן **בזכות להעלות נר תמיד, אתם זוכים להקביל נרו של מלך המשיח**, כמש"נ [תהלים קל"ב], ערכתי נר למשיחי, וגו', הנה ודאי דרשות אלו רומזים על מה שנתבאר, כי כלל התורה מצלת מדינה של גיהנם ומקרבת מלך המשיח וכו', עכ"ל. הרמב"ן ר"פ בהעלותך (בשם המדרש): הקרבנות כל זמן שבית המקדש קיים הן נוהגין, אבל הנרת לעולם אל מול פני המנורה כו'.

ובספר זרע קודש (דף צ"ו) כתב: וע"י שאנו זוכרין **נס חנוכה ומדליקין נרות, אנו ממשיכין גאולה העתידה**, וכמ"ש מודים אנחנו לך וכו' הטוב כי לא כלו רחמיך, ולכן ע"י נר חנוכה אנו ממשיכין תקון כל העולם שהוא ע"י אור האמת כנ"ל... ומשיח ר"ת **מ**'דליקין **ש**'מונת **י**'מי **ח**'נוכה, רומז שמצוה זו תקרב ביאתו במהרה בימינו.

ובספר שארית ישראל (דף ט') כתב: "וקבלתי ממורי הרב מטשערנאביל ז"ל, [הרה"ק בעמח"ס מאור עינים] **כי חנוכה הוא בסוד אורו של משיח כמאמר ערכתי נר למשיחי**, שע"י מצות הנרות בחנוכה נמשך עלינו אור משיח צדקינו אור צדיקים אור צדיק יסוד עולם הכולל בתוכו אור שבעה רועים בחי' אור זרוע לצדיק, שע"י אור של חנוכה נמשך אורו של משיח" וכו'.

❖ ❖ ❖